New Square Kashrus Council

בית דין לעניני כשרות
דשיכון סקווירא יע"א

# בדיקת סימנים לליל ראש השנה תשפ"ד הבעל"ט

איבערגעגעבן דורך הרב חיים מאיר וואגשאהל שליט"א

אין געוויסע מקומות איז פאראן א מנהג צו עסען ראש השנה ביינאכט די פינעף "סימנים" וואס ווערט געברענגט אין די גמרא[1], אין די שפעטעריגע דורות איז צוגעקומען נאך מאכלים לסימנא טבא[2], ווי אויך איז מען מרבה די צווייטע נאכט ר"ה מיט פירות שהחיינו[3], צווישן די סימנים און פירות זענען אויך פאראן אזעלכע וואס דארף האבן בדיקה פון ווערים, ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים הק' אז מ'זאל אכטונג געבן וועגן ווערים כדי ס'זאל נישט ח"ו זיין יצא שכרו בהפסדו[4].



## קרא - שיקרע גזר דיננו / שיקראו לפניך זכויותינו - סקוואש - Squash

סקוואש איז ריין פון ווערים, מ'דארף עס נישט באקוקען. די לאנגע פרישע סקוואש זאל מען אפשיילן צוליב וואס עס קען זיין באשמירט מיט נישט-כשר'ע באשטאנדטיילען, די פארפרוירענע סקוואש איז נישט געשמירט און מ'דארף עס נישט אפשיילן.



## רוביא - שירבו זכיותינו - Black eye peas

"רוביא" איז געמאכט געווארן פון טרוקענע שווארץ-אויג בונדלעך Black Eye Peas וואס איז געווענליך מער ווערעמיג ווי אנדערע באנדלעך, ספעציעל קען דאס אויך האבן ווערים אינווייניג אינ'ם בונדל זעלבסט, די פאלגענדע זענען סימנים פון ווערים: א לאך אינ'ם בונדל, א טונקעלע שמוץ-פלעק וואס עס זעהט זיך אדורך דעם שאלאכץ (בילד 1), קליינע ווייסע-ברעקעלעך (אייער) וואס איז צוגעטשעפעט אויף די בונדלעך (בילד 2).

מען זאל דאס אויפקאכען מיט אסאך וואסער (דער סכום פונ'ם וואסער זאל זיין בערך 3 מאל ווי די בונדלעך), ווען דאס וואסער קאכט זאל מען אויסלעשען דאס פייער און לאזען צוגעדעקט פאר בערך 3 שעה. דערנאך זאל מען איבערקוקען אלע באנדלעך, מ'זאל אויסשפרייטען אויפ'ן האנט-פלאך א קליין ביסל בונדלעך און גוט איבערקוקען, דערנאך זאל מען דאס איבערלייגען אויף די אנדערע האנט-פלאך און איבערקוקן די אנדערע זייט פון די בונדלעך, דעם גאנצען פעקל זאל מען איבערקוקן אויף דעם אופן.

(דער שאלאכץ ווערט מער דורכזיכטיג נאכ'ן קאכן און מ'קען בעסער אדורכזעהן די פלעקן אונטער די שאלאכץ).



בילד 2



בילד 1

ס'איז פאראן בונדלעך וואס האבן "פונדרויסן" א טונקעלע פלעק (וואס איז נישט קיין צייכן פון ווערים), היות אז פאר איינעם וואס האט נישט קיין מומחיות ווייסט נישט צו מאכן א חילוק וועלכע פלעק איז נאר "פונדרויסן" און וועלכע איז פון "אינעווייניג" (וואס ווייזט זיך אדורך די שאלאכץ), דעריבער איז כדאי נישט צו נוצן די איינציגע בונדלעך וואס האבן א פלעק פונדרויסן.

אויב טרעפט מען 3 בונדלעך וואס זענען זיכער ווערעמיג, זאל מען נישט נוצן דעם גאנצן פעקל.

## כרתי - שיכרתו שונאינו - ליעק - Leek

ליעק איז געווענליך אינפעסטירט מיט "טריפס" צווישן די שיכטען, די עלטערע טריפס זענען ברוין אדער שווארץ וואס מ'קען לייכט דערקענען אבער די יונגערע זענען ענליך צום קאליר פונ'ם ליעק און איז שווער זיי צו דערקענען.

אין דעם "טונקל-גרינעם" חלק דערפון קען דאס אויך זיין אינפעסטירט מיט "ליעף מיינערס" Leaf miners, (עס איז אזוי דיק אז מ'קען דאס נישט אדורך קוקען אויף א לעקטער light box) דעריבער זאל מען קודם אוועק שניידן די טונקל-גרינעם חלק דערפון און דעם גאנצען שטח ווי די בלעטער זענען נאך צושפרייט (זעה דעם צייכן אויפ'ן בילד) און נישט נוצן.

דערנאך זאל מען אוועקשניידען א קליינעם שטיקל צוזאמען מיט די הארעלעך (דיווארצעל). מ'זאל אויך אוועקווארפען דעם איינציגן דרויסענדיגן שיכט.



1 כריתות ו ע"א
2 רבו המנהגים כל מקום ומקום לפי מנהגו (לשון הטור תקפ"ג)
3 שו"ע סי' ת"ר ס"ב
4 ז"ל הג"ר חיים פלאג'י זצ"ל בספרו מועד לכל חי [סי' יב, אות כו] על האוכלים דגים מתולעים בלי בדיקה בליל ר"ה, וז"ל, **'ומה גם בליל ר"ה דבאים לומר על הדגים שירבו זכיותינו כדגים דנהפוך הוא להרבות את העונות ר"ל'**. וכיו"ב כתב עוד בספרו כף החיים [סי' כד אות לג] בענין מין מסויים שיש בו תולעים, **'דאין זה סימנא טבא אדרבה סימן רע כיון דאיכא למיחש לתולעים'**, עכ"ל. ומצינו עוד בדברי הפוסקים, שבדברים שקשה לבודקם וחושש בהם משום תולעים עדיף לא לאוכלם כלל, אלא לראותם בלבד. וכמ"ש הבן איש חי [שנה שניה פרשת נשא, אות ח בא"ד] בענין מין ירק שקשה לבדקו **'ורק בראש השנה יביאו אותו על השלחן לראותו בלבד בשביל הבקשה שבהם'**, עכ"ל. וכן מבואר בכף החיים [סי' תקפ"ג סק"ו] שהביא הגירסא בגמ' הוריות [יב.] **יהא רגיל למחזי במקום למיכל**, ושכן הוא בערוך ובכלבו ובב"י, וכתב וז"ל, **ונפק"מ במי שאינו יכול לאכול, או שחושש באיזה מין משום תולעים, דדי בראיה לחוד**, עכ"ל. וכן בספר ארחות רבינו [ח"ב עמ' קעד אות י] הביא שהסטייפלער זצ"ל לא אכל רוביא משום שצריך בדיקה מתולעים.

מ'זאל אדורך שניידן די ליעק אין די לענג, און צוטיילען די שיכטן, אויב די פלאסטיק-שיכטן זענען לויז זאל מען עס אראפנעמען און אוועקוואַרפען, די ליעק האלבע-שיכטן זאל מען איינווייקען אין זייף-וואסער אויף עטליכע מינוט, (עס זאל זיך ווייקן אין אסאך וואסער כדי די בלעטער זאלן נישט זיין צוזאמענגעשטופט, "אלע" בלעטער זאלען זיין איינגעטינקען אינ'ם וואסער - מ'קען ארויפלייגן א שווערע געוויכט וואס זאל דאס האלטן אינ'ם וואסער, מ'זאל לייגן גענוג זייף אז דאס וואסער זאל זיך שפירן גלוטשיג) בשעת'ן ווייקען זאל מען עטליכע מאהל ארום-מישען די ליעק אינ'ם וואסער.

דערנאך זאל מען אפשווענקען יעדע איינציגע בלאט באזונדער אונטער א שטראם וואסער רייבענדיג דערביי מיט די פינגערס אויף ביידע זייטן (דאס רייבן העלפט אז די שרצים זאלן זיך נאכלאזען פונ'ם בלעטעל און די וואסער-שטראם שווענקט זיי אוועק).

---



## סילקא - שיסתלקו שונאינו/חטאתינו - ספינאטש - Spinach

פרישע ספינאטש בלעטער איז געווענליך זייער ווערעמיג ווי אויך מיט ליעף-מיינערס.

עס איז כדאי צו קויפן פרישע "בעבי-ספינאטש" בלעטער וואס איז געווענליך מער גלאט (און קיין טיפע קנייטשען), מ'זאל דאס איבערקוקען אויף א לעקטער פון ליעף-מיינערס און דערנאך זאל מען דאס איינווייקן אין זייף וואסער אויף עטליכע מינוט, מ'זאל לייכט אפרייבן יעדעס בלעטל אויף ביידע זייטן מיט א ספאנדזש און זייף, מ'דארף אכטונג געבן אז דער ספאנדזש זאל אנקומען אין אלע קנייטשן און גריבעלעך, מ'זאל גוט, גוט אפשווענקען יעדעס בלעטל אונטער א שטראם וואסער, און מ'זאל זיכער מאכען אז דער וואסער-שטראם זאל אנקומען אין אלע קנייטשן און גריבעלעך.

---



## תמרי - שיתמו עוונותינו/אויבינו - טייטלען - Dates

**טרוקענע:** "מעדזשול" Medjool פון קאליפארניע זענען געווענליך ריינער פון אנדערע טייטלן ווי צב"ש Deglet Noor

מ'זאל אויפשניידן די טייטלען אין די לענג און בודק זיין ארום דעם קערל, אויב זעהט מען ברוינע ברעקעלעך (אפפאל פון ווערים) זאל מען דאס נישט נוצן. דערנאך זאל מען בודק זיין דעם טייטל קעגן א לעקטער אדער א פלעשלייט און זעהן צו ס'איז נישטא קיין קליינע (טונקעלע) ווערים אויף די שאלכץ פונדרויסנדיג אדער אין די דיקקייט פונ'ם טייטל זעלבסט. קליינע ווייסע ברעקעלעך זענען "צוקער" און נישט קיין צייכן פון ווערים.



דער זעלבער טייטל, זעהט די חילוק מיט אדער אן א לעקטער

טייטלן פון אנדערע לענדער ווי פאקיסטאן, טוניזיע זענען היבש ווערימדיג. (פון טוניזיע זענען אויך פוהל מיט "סקעילס"), און עס איז נישט כדאי דאס צו נוצן.



סקעילס אויף טייטלען

טייטלען פון ארץ ישראל קען צומאל האבן אויף די דרויסענדיגע שאלכץ דעם "סקעיל" ווארים, עס איז כדאי דאס בודק צו זיין.



**פרישע:** די פרישע טייטלען (וואס ווערן פארקויפט אויף א שטרענגעל - מכבדות של תמרים) זענען בדרך כלל ריין, ס'איז כדאי צו פארזיכערן אז ס'איז נישטא קיין לעכער.

**עס איז וויכטיג צו געדענקען אראפצונעמען די טייטלען פונ'ם שטרענגעל פאר יום טוב ווייל לויט טייל פוסקים איז דא דערביי א איסור מפרק**[5]

---



## רימון - שירבו זכיותינו כרימון - מילגרוימען - Pomegranate

די וואס ווערן פארקויפט קאמערציאל זענען בדרך כלל ריין. אויב זעהט מען א רונדיגען לאך, זאל מען דאס דארט אויפשניידען און נאכגיין דעם לאך. די אינעווייניגסטע חלקים וואס זענען "ברוין/טונקעל" איז נישט קיין פראבלעם. די חלקים וואס איז "פארפוילט" זאל מען נישט נוצן.

---



## פיש-קעפ - שנהי' לראש ולא לזנב

ווייט-פיש קעפ זענען ריין פון ווערים.

סעלמאן און בעבי סעלמאן קעפ קענען זיין ווערעמיג מיט סעלמאן-לייז (קליינע ברוינע ווערים, בילד), דעריבער זאל מען קודם ארויס נעמען די "גילס" Gills און דערנאך גוט אפשווענקען אונטער א שטראם וואסער רייבענדיג דערביי אין אלע קנייטשען ארום דעם מויל, אונטער די צונג, וכדומה. דערנאך זאל מען איבערקוקען צו פארזיכערן אז עס איז טאקע ריין.



קארפ קעפ קענען זיין ווערעמיג מיט דעם ווארים וואס רופט זיך "ארגולוס" Argulus וואס איז דורכזיכטיג (ווי א פלאסטיק) און מ'דערקענט עס נאר דורך די צוויי פונטעלעך (די אויגן), נאר איינער <u>וואס האט ערפארונג אין</u> דעם קען דאס בודק צו זיין.

5 עי' מסכת שבת עג: לפרש"י והר"ן, אגלי טל מלאכת דש סק"ג, שביתת השבת כללי מלאכת דש אות ה', מהרש"ם ח"ז קט"ז, בן פורת יוסף (אמרי יוסף) ס"ח, עמק התשובה ח"א מ"ט, קצות השלחן, ועוד.

NEW SQUARE KASHRUS COUNCIL
בית דין לעניני כשרות דשיכון סקווירא יע"א

# פירות שהחיינו



## פייגן - Figs

**פרישע:** זאל מען נאר נוצן פון א גוטע קוואליטעט. צומאל זענען פארהאן שרצים פונדרויסן, מען זאל דאס זייער גוט אפוואשען אונטער א שטארקע שטראם וואסער, רייבענדיג מיט די הענט איבער דעם גאנצן שטח פון די פרי.

אויב די אונטערשטע גריבל איז אפען, זאל מען דאס בכלל נישט נוצן. אויב די אונטערשטע גריבל איז נאטורליך פארמאכט, זאל מען אוועקשניידן דעם גריבל און צושניידן די פרוכט אויף האלב און ארויסבייגן יעדע העלפט (ווי א קאפל) און זען אויב עס איז ריין. אויב זעט מען שווארצע פלעקן, אדער קליינע ווערים וואס איז זייער ענדליך צום קאליר פון די פייג זאל מען דאס נישט נוצן, (מ'דארף האבן צייט און אסאך געדולד ווען מ'מאכט אט די בדיקה).

אין די לעצטע עטליכע חדשים האבן אונזערע משגיחים מומחים בודק געווען פרישע פייגן, די פייגן זענען פוהל מיט מילבען, אפילו נאכ'ן ווייקן אין זייף וואסער און אפרייבן אונטער א שטראם וואסער זענען די פייגן נאכנישט גענצליך ריין. (מיר זענען ממשיך מיט די בדיקות צו טרעפן דעם ריכטיגען מהלך וואס רייניגט זיי גענצליך), דערווייל, זאל מען נישט עסען די שאלאכץ, נאר אפשיילן די פייגן אדער ארויסנעמען מיט א לעפל די אינעווייניגסטע פון די פייגן.

**טריקענע:** איז זייער ווערימ'דיג און די בדיקה איז א שווערע וואס פארלאנגט זיך מומחיות. איינער וואס איז נישט קיין מומחה קען דאס עסן נאר אויף דעם פאלגענדן אופן: ארויסקראצן אלע קערלעך פון אינעווייניג (נישט נוצן די קערעלעך) און דערנאך גוט אפוואשן די שאלאכטץ אונטער א שטראם וואסער, רייבענדיגביידע זייטן פון די שאלאכץ מיט די פינגער, און עסען נאר די שאלעכץ.

---



## עפל - Apple

עפל איז ריין, מ'דארף עס נישט באקוקען. מ'זאל דאס אפשיילן צוליב וואס עס קען זיין באשמירט מיט נישט-כשר'ע באשטאנדטיילען.

---



## אפרסמון - Persimmon

מ'זאל אראפנעמען די בלעטל פון אויבן און גוט אפוואשען. אויב די פרוכט איז זייער ווייעך זאל מען דאס באקוקן פון אינעווייניג. אויב איז דא א שווארצע פלעק אויף די שאלאכץ, זאל מען דארט אראפנעמען די שאלאכץ און בודק זיין אינעווייניג. די קליינע שווארצע פינטעלעך אויף די שאלאכץ אדער אינ'ם פרוכט זעלבסט איז נישט קיין פראבלעם. ס'איז כדאי זיכער צו מאכן אז ס'קומט נישט פון ארץ ישראל צוליב חששות פון מצות התלויות בארץ.

---



## קרויט בלעטער

היות אז ס'איז דא אזעלכע וואס גרייטן שוין צו די האלאפטשעס לכבוד שמחת תורה ווען מיר אצינדער שרייבן די פראבלעם וואס איז דא ביי קרויט -ובפרט היי יאהר תשפ"א וואס די קרויט-בלעטער זענען זייער שטארק אינפעסטירט- און דעם סדר ווי אזוי דאס צו וואשן.

אין קרויט זענען דא מערערע סארט שרצים, וואס א טייל פון זיי זענען מער מצוי ווי אנדערע. מיר וועלן זיי אויסרעכענען על הסדר:

- "טריפס - Thrips": דער שרץ איז זייער מצוי און וואשט זיך אפ דורכ'ן גוט אפשווענקען די קרויט. (נאכ'ן עס פארפרירן, ווען די שרצים זענען טויט, פעלט נישט אויס קיין זייף אראפצונעמען **דעם** סארט שרץ.)
- "מייטס - Mites": איז אויך זייער מצוי און עס גייט אראפ מיט א זייף-ספאנדזש.
- "עפידס - Aphids": דער שרץ איז אויך מצוי און כאפט זיך שטארק אן אינעם בלעטל, און נאר מיט א זייף-ספאנדזש קען מען זיך פארלאזן אז עס ווערט "נאכגעלאזט" פונעם בלעטל און קען ווערן אוועקגעוואשן מיט וואסער.
- "קעטערפילאר - caterpillar": דער שרץ איז גרויס און מ'קען עס לייכט דערקענען און אראפנעמען.
- "ליעפמיינערס - Leaf miners": דאס איז א סארט ווארעם וואס קריכט אינעווייניג אינעם דיקקייט פונעם בלעטל (דאס איז דער זעלבער שרץ וואס מ'טרעפט אין סעלערי, ספינאטש בלעטער און נאך). ביי קרויט געפינט זיך עס "געווענליך" נאר אין די דרויסנדיגע בלעטער (וואס מ'ווארפט ממילא אוועק, זע ווייטער), און עס איז נישט אזוי מצוי.

### הוראות ווי אזוי צו וואשן קרויט בלעטער

מ'זאל אוועקווארפן די עטליכע דרויסענדיגע "לויזע" בלעטער.

מ'זאל אוועקווארפען נאך עטליכע דרויסנדיגע בלעטער (פון די באהאפטענע) וואס זענען נישט "לויז" און זענען געווענליך נאך אביסל שמוציג, און מיט טונקעלע פלעקן אדער קליינע לעכער.

מ'זאל עס איינפרירן אויף 2-3 טעג.

נאכ'ן אויפלאזן (וואס נעמט בערך 24 שעה) זאל מען ארויסשניידן דעם מיטלסטן שטאם (core).

דערנאך זאל מען אראפנעמען יעדעס בלעטל באזונדער און איינווייקן אין זייף וואסער אויף בערך 15 מינוט.

מ'זאל לייכט אפרייבן יעדעס בלעטל אויף ביידע זייטן מיט א ספאנדזש און זייף. מ'דארף אכטונג געבן אז דער ספאנדזש זאל אנקומען אין אלע קנייטשן און גריבעלעך.

מ'זאל גוט, גוט אפשווענקען יעדעס בלעטל אונטער א שטראם וואסער, און מ'זאל זיכער מאכען אז דער וואסער- שטראם זאל אנקומען אין אלע קנייטשן און גריבעלעך.